רוב אמעריקאנער אז דער 2020 פרעזידענט עלעקשאן איז שוין מער וויניגער 'דערנאך' פאר פרעזידענט טראמפ... אבער יעדער פאליטישע 'סטראטעגיסט' מיט עפעס 'עקספיריענס' וועט מוזן מודה זיין, אז דזשאוביידן איז אויף טיפע טיפע צרות... לאמיר עס בעסער מסביר זיין, פרעזידענט טראמפ האט נישט אזוי ווייט "געווינען" די עלעקשאן אין 2016 אקעגן הילערי קלינטאן, נאר ענדערש האט קלינטאן "דערלייגט" די עלעקשאן... נעמליך.. ווען הילערי וואלט ווען געווען א טראפ 'מער' קאנדידאט, און וואלט ווען געהאט עפעס 'אינטערסאנט' צו פארקויפן פאר די אמעריקאנע בירגער חוץ פון דעם אז דאנעלד טראמפ איז א משוגע'נער... וואלטן מיר היינט געהאט א "פרעזידענט קלינטאן" אינעם ווייסן הויז..! מיר האבן שוין דאס איבערגעקייט דא גאר אסאך מאל, און דאס איז קלאר איבערגעוויזן געווארן דורך אלע אמעריקאנע סטראטעגיסטן און מומחים...

דזשאו ביידן ליידט פון אסאך א ערגערע פראבלעם ווי קלינטאן האט געליטן... ווי נישט ווי, איז קלינטאן געווען א קאנדידאט מיט כאריזמע, מיט עקסייטמענט, זי האט איבערפל זייער גוט אויסגענומען, יעדער איז געווען איינשטימיג אז זי איז געווען "קוואליפייד" צו פירן דאס לאנד, זי האט למעשה אויפגעטריבן אסאך מער געלט פון פרעזידענט טראמפ אינעם קאמפיין, בקיצור, זי איז בעצם געווען גוט, זי האט נאר געהאט א פראבלעם אז זי האט נישט געהאט קיין שום אישו אין איר קאמפיין וואס זאל צוציען מענטשן צו איר קאמפיין, און זי האט זיך אויך צו שטארק פארלאזט אויף דער פאקט אז טראמפ איז א אינטערסאנטע פארשוין... (מילד גערעדט...) אבער 'דזשאו ביידן' קומט אפילו נישט צו צו די שפיץ פינגער פון דעם... ער איז ממש 'א קאטעסטראפע' אין יעדע פראנט... ער איז "בארינג" אז מען קען ממש פייגערן... ער איז נישט כאריזמאטיש.. ער איז נישט אינטערסאנט.. ער האט ממש גארנישט צו פארקויפן.. ער טרייבט נישט אויף גענוג געלט.. ער טוט נישט 'עקסייטן' קיינעם אין די דעמאקראטישע פארטיי... ער וועפט אויף 'תולה ארץ' ווי א 100 יעריגע אידל פון מושב זקנים.. אזש ער קען ממש נישט ארויסזאגן קיין צוויי 'גראדע זאצן' פונען מויל אן מאכן 58 גרייזן... ער איז ממש "א שוידערליכע געשעעניש"... ווען נישט וואס ער לויפט אקעגן פרעזידענט טראמפ, און ווען נישט וואס עס איז נישטא יעצט קיין 'עפעקטיוו קאמפיין' צוליב קאראנע, וואלט מען אים שוין פון לאנג ארויסגעפירט פון שטאט...

דעריבער איז ממש "קריטיש וויכטיג" און א גרויסע "עמערדזשענסי" פאר זיין קאמפיין, ווען ער גייט יעצט אויפנעמען פאר זיין וויצע פרעזידענט קאנדידאט. א געלונגענע וויצע


# קהל עטרת צבי ליסקא

בנשיאות כ"ק אדמו"ר שליט"א

ברגשי כבוד וידידות הננו להזמין את מע"כ ידידינו היקרים שיחיו לבא לקחת חבל

## בסעודת הילולא

ביומא דהילולא קדישא של הרב הקדוש

## בעל "אך פרי תבואה" זיע"א

שתיערך אי"ה

## יום ג' פ' עקב

י"ד לחודש אב, תש"פ הבעל"ט

מנחה 8:00 – ואח"כ הסעודה

בבית מדרשינו

*1449-50th Street*

והננו מחכים לקבל פניכם מתוך אהבה וכבוד

הגבאים